# משיחת כ' חשון תשל"ה

ג. ס'איז דא נאך א ענין וועגן וועלכן ס'האט זיך גערעדט לאחרונה בארוכה, און דאס איז וועגן הדלקת הנרות, אז וויבאלד אז ס'איז צו־געקומען אין דעם חשך בעולם, איז איצטער דער זמן המתאים אז דאס וואס איז געווען בהוגים מסויימים בלא"ה, אז פרויען און מיידלעך האבן געצונדן נרות נאך קודם החתונה, ביז וואנענט משהגיעו לחינוך, ובפירוש ביז א ברכה, זאל דאס נתפשט ווערן אין אן אופן פון מוסיף והולך ואור, און ווי גערעדט בארוכה לפנ"ז בכו"כ פרטים ועניינים,

וואס דאס איז אויך איינע פון די טעמים וואס מען האט ניט אפ־געלייגט די התועדות אויף דעם שבת שלאח"ז, בכדי אז דער ענין וואס מ'וויל איצטער מוסיף זיין זאל ארויסקומען און דערגרייכן בכל קצוי תבל, באיזה אופן שיהי', נאך פאר ערב שבת, בכדי ס'זאל צוקומען צו דעם ערב שבת די וואס (מאיזה סיבה שיהי') האבן ביז איצטער נאך ניט אנגענומען דעם מנהג טוב,

ובידוע דער ווארט פון אלטן רבי'ן אז מ'דארף און מ'קען ארויס־נעמען א הוראה פון דער פרשה, וכמדובר כמ"פ אז אויב ס'איז א ענין וואס איז נוגע צו פסוקים און צו קטנים, דארף אויך זיין דער לימוד און הוראה אין אן אופן וואס איז פאר זיי פארשטאנדיק,

וואס אין דעם ענין (וואס דאס איז איצטער א ענין שהזמ"ג) איז דא א הוראה נפלאה אין היינטיגער סדרה, און ביז וואנענט אז דער ענין פון נרות שבת איז פארבונדן ניט נאר פאר דער חתונה, נאר גלייך משהגיעו לחינוך, וכאמור - די הוראה איז אין פשטות העינינים, במילא קען דאס פארשטיין אפי' א מיידעלע פון דריי יאר, און אויב מ'וועט דאס איר נאר פארטייטשן (וואס וויבאלד אז זי ווייס שפה המדינה, און שפה המדינה איז ניט לקון קודה, דארף מען דאס איר איבערטייטשן, און דער־דערציילן דעם סיפור בלשון המדינה). וועט זי אליין וויסן ווי אזוי זי דארף בענטשן ליכט, און דאנקען דעם אויבערשטן - וואס דאס איז דער ענין הברכה,

ועד כדי כך, אז ס'איז א פלא ווי אזוי מ'כאפט זיך ניט אויף די הוראה ברורה וואס איז דא אין דעם סיפור פון היינטיגער סדרה, וואס דאס נעמט אראפ די ספיקות שבדבר,

און דאס איז, וואס רש"י שטעלט זיך אויפ'ן פסוק "ויביאה יצחק האהלה שרה אמו, ויקח את רבקה ותהי לו לאשה" (בראשית כד, סז), און ברייננגט אראפ פירוש המדרש בזה, [אבער וויבאלד אז רש"י ברייננגט דאס איז דאך פארשטאנדיק אז דאס איז פארבונדן מיט פשוטו של מקרא, און ווי רש"י אליין זאגט (בראשית ג, ח) אז בשעת ער ברייננגט אראפ אן אגדה ומדרש איז דאס כדי ליישב פשוטו של מקרא, און דאס איז פארשטאנדיק אפילו פאר א בן חמש למקרא],

און איז מפרש, "ויביאה האהלה וה"ה שרה אמו", אז ער האט געזען אז זי איז פונקט אזוי ווי שרה אמו. אין וואס איז דאס געווען? ברייננגט רש"י אראפ דריי ענינים [וואס אלע דריי שטייען אין מדרש, און אין מדרש שטייט נאך א פערטער ענין, און אין חיב"ע ברייננגט ער אדאפ מערניט ווי איין ענין פון די דריי], און דער ערשטער ענין איז, אז "כל זמן ששרה קיימת הי' נר דלוק מע"ש לערב שבת", (ווי רש"י ברייננגט אראפ די גירסא) וכו', "ומשמתה פסקו, וכשבאת רבקה חזרו",

וואס ד.ה. אז רבקה האט געבענטשט ליכט, וואס דאס איז דער פי' הפשוט אין מדרש, און רש"י ברייננגט דאס אראפ אין פשוטו של מקרא, און נארטייטשט דאס צו א בן חמש למקרא.

וויפל איז דעמולט רבקה געווען אלט? איז דאך אין דערויף דא דעות אין מדרשים (ראה לקו"ש ח"י ע' 69 הערות 25-26, וש"נ), אבער רש"י ברייננגט אראפ גלייך נאך דערויף אין תולדות עה"פ "ויהי יצחק בן ארבעים שנה בקחתו את רבקה", אז רבקה איז געבארן געווארן צו דער עקדה, וועו יצחק איז געווען ל"ז שנה, האט ער געווארט ביז זי איז געווארן ג' שנים, ונשאה, קומט דאך אויס אז רבקה האט געבענטשט ליכט ווען זי איז געווען בת ג' שנים, וואס דעמולט איז ניטא דער חיוב פון א בת מצוה, נאר דער חיוב פון הגיעה לחינוך.

לכאורה קען מען דאס פארבינדן מיט'ן שידוך מיט יצחק'ן, זאגט אבער דער פסוק אז ניט אזוי איז געווען דער סדר, נאר פריער איז געווען "ויביאה האהלה", האט ער דערזען אז "וה"ה שרה אמו", און ווי אזוי האט ער דערזען אז "וה"ה שרה אמו", דערפאר וואס דער נר וואס זי האט אנגעצונדן האט געברענט מע"ש לערב שבת, און דאס האט אים געבראכט אז ערשט דערנאך איז "ויקח את רבקה ותהי לו לאשה", אבער אנגעהויבן בענטשן ליכט האט זי פריער,

וואס דא ווערט נאך א הוראה נפלאה, ווארום לכאורה איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: דער דין איז אז בשעת די אשה בענטשט ניט קיין ליכט (מאיזה סיבה שתהי') איז דאן א חיוב אויפ'ן בעל אז ער זאל בענטשן, במילא, אז ס'איז געווען "וינחם יצחק אחרי אמו", דערפאר וואס דריי יאר איז שוין שרה ניט געווען, איז וויבאלד אז אברהם אבינו האט מקיים געווען אלע מצות, סיי דאורייתא סיי דרבנן, (ווי רש"י זאגט אין אנהויב פ' תולדות עה"פ "וישמר משמרתי וגו'"), איז דאך א זיכערע זאך אז דעם פרייטאג נאך דעם "ותמה שרה בקריה ארבע" האט אברהם אבינו געבענטשט ליכט, איז דאך ניט דער פשט אז ווען רבקה בענטשט ניט וואלט געווען טונקעל אין הויז, ווארום אברהם האט געצונדן ליכט, אדער יצחק האט געצונדן ליכט, צי ביידע האבן געצונדן ליכט,

ואעפ"כ האט זי זיך ניט באגנוגענט דערמיט וואס ס'בענטשט אברהם, וואס ער איז א גדול - "ואברהם זקן בא בימים"; וואס ס'בענטשט יצחק, וואס ער איז א בן ארבעים שנה, נאר זי האט אויך געצונדן ליכט, אע"פ וואס זי איז געווען בת ג' שנה.

הנחה הה' בלתי מוגה

- און -

און דאס איז ניט א ענין וואס מ'דארף אנקומען צו אחרונים, דאס איז א פסוק אין תורה, אויב מ'לערנט דעם פסוק מיט פירוש רש"י, וואס אויף פירש"י שטייט אין שו"ע (או"ח סי' רפה ס"ב) בנוגע דעם חיוב ל לקרות הפרשה שנים מקרא ואחד תרגום, אז מ'קען דאס פארבייטן מיט פירש"י, ווארום דאס איז דער "תרגום" פון חומש,

וואס פון דעם האט מען א הוראה נפלאה, אז א דריי יאריגע מיידעלע אפילו בשעה זי געפינט זיך אין א הויז וואס דארט איז דא איינער וואס צינט ליכט אלס א מצווה ועושה, און דאס ווערט געצונדן דורך א צדיק גדול ביותר, מ'דארף ניט האבן קיין גרעסערע צדיקים ווי אברהם און יצחק, איז אעפ"כ האט זי געצונדן ליכט, און דאס האט געמאכט פון דעם אהל אז דאס איז געווארן "האהלה שרה אמו",

און דא קומט ארויס נאך א גרעסערע הוראה, און נאך א גרעסערע פלא, וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: אברהם האט דאך זיכער געבענטשט ליכט, און יצחק איז אדער ער האט יוצא געווען מיט אברהם'ס ליכט אדער ער האט באזונדער געבענטשט, און אעפ"כ זאגט רש"י אז נר דלוק מע"ש לערב שבת איז ניט געווען, ווארום דאס קען אופגעטאן ווערן דוקא דורך הדלקת הנרות פון שרה, אדער פון די וואס קומט במקומה, "וה"ה שרה אמו", אע"פ וואס זי איז אלט דריי יאר,

וואס האט מען דערפון? אז עס קען זיין א צדיק גדול ביותר, ווי עס שטייט נאך פאר ההחלה הסיפור, פאר "ויביאה יצחק האהלה שרה אמו", "ואברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל", תכלית השלימות וואס עס קען זיין אין תומ"צ אין יר"ש און ברכות ביי אברהם'ן, און עד"ז האט ער מחנך געווען יצחק'ן, וואס דאס איז דאך אויך פשוטו של מקרא, ואעפ"כ, איז דער נר וואס זיי האבן געצונדן איז ניט געווען דלוק מע"ש ילערב שבת, און דוקא בשעת ס'איז געקומען א מיידעלע פון דריי יאר און האט אנגעצונדן ליכט איז גלייך געווארן נר דלוק מע"ש לערב שבת,

ס'איז קיין קשיא ניט אויף די צוויי ענינים וואס רש"י ברייגנט שפעטער, אז "ברכה מצוי' בעיסה וענן קשור על האהל", ווארום דאס זיינען ענינים וואס דער בעל קען ניט מקיים זיין. ער קען זיך ניט פארנעמען מיט קנעטן טייג, ס'איז ניט זיין ענין; ועד"ז בנוגע "ענן קשור על האהל", וואס דאס איז דער ענין פון טהרה המשפחה, איז דאך דאס פארבונדן מיט ספירת הימים און טבילה וכו', וואס במציאות איז דאס שייך מערניט ווי ביי נשים,

משא"כ בנוגע נר שבת איז דאס ווי דער אלטער רבי ברייגנט אראפ אין שו"ע (סי' רס"ג ס"ה) אז אחד האנשים ואחד הנשים חייבים בו, אלא שהנשים מוזהרות בו יותר מפני שמצויות בבית ועוסקות בצרכי הבית, און אעפ"כ איז ווער פועל'ט אז ס'זאל זיין נר דלוק מע"ש לערב שבה, פועל'ט דאס אויף די פרוי,

וואס דא האט מען די הוראה ברורה, אז וואו ס'איז דא א דריי יאריגע מיידעלע, וואס דעמולט קען מען איר געבן צו פארשטיין, איז געוויס מ'זאל איר דערציילן דעם סיפור פון היינטיגע סדרה, וואס יעדער אידישע מיידעל און פרוי איז דאך א בת שרה רבקה רחל ולאה, זאגט מען איר אז שרה'ס ענין איז געווען אז אין איר אהל, אין אירע ד' אמות, איז נר דלוק מע"ש לערב שבה, וואס בפשטות מיינט דאס אז זי האט דאס אנגעצונדן ערב שבה, דאס האט אבער געמאכט אזוי ליכטיק אין הויז אז ס'איז געווען ליכטיק ביז וואנענט ס'איז געקומען די צייט אז זי זאל צינדן נאך אמאל,

- נאר -

נאר בא שרה׳ן איז דאס געווען אין א אופן אז די ליכטיקייט האט געפועל׳ט אויך אין די גשמיות און דעם "גוף" פון הויז, וואס דערפאר האט אויך די גשמיות הנר געברענט מע"ש לערב שבה, וואס דאס איז געווען דער אופטו פון שרה׳ן,

וויבאלד אבער אז "מעשה אבוה סימן לבנים", איז פארשטאנדיק אז בפנימיות הענינים איז אזוי ביי יעדער אידישער פרוי און מיידעלע וואס איז הגיעה לחינוך, און בשעת זי צינט אן א ליכט, איז אעפ"י וואס בעיני בשר זעט מען דאס ניט, איז בפנימיוה הענינים איז נר דלוק מע"ש לערב שבה, ווארום די מיידעלע וואס האט דאס אנגעצונדן איז א בת שרה ורבקה, וואס דאס איז געווען דער אופטו פון שרה ורבקה, און דערנאך האבן דאס ממשיך געווען רחל ולאה, ביז "עד הים האחרון - (דברים לד, ב) "עד היום האחרון" (רש"י שם), במשך כל הדורות,

און דערנאך זאגט מען אז דאס האט ממשיך געווען דעם אויבערשטנ׳ס ברכה אין די אלע ענינים וואס טוען זיך אין הויז, ובלשון פון דעם אלטן רבי׳ן בשולחנו "עוסקות בצרכי הביה", אז דעמולט ווערט "ברכה מצוי׳ בעיסה", ס׳איז שורה ברכה בכל מעשי ידי׳ און דורך איר אין דעם גאנצן ביה, אז עס ווערט "ענן קשור על האהל", אז מ׳גייט דורך אין גאס און מ׳גיט א קוק אויף דער הויז זעט מען אז "ענן קשור",

וואס דער ענין פון "ענן קשור" האט רש"י שוין פריער מבאר געווען, אין פ׳ עקדה יצחק, עה"פ "וירא את המקום מרחוק", אז ער האט געזען "ענן סרוי על ההר", האט ער געוואוסט אז דארט איז דא די שכינה, און אין א אופן פון גילוי, וואס אזוי איז דאך "מלא כל הארץ כבודו", אבער בשעה כ׳איז "ענן קשור" זעט מען דאס בעיני בשר - "וירא את המקום מרחוק",

ועד"ז. איז דורך דעם "נר דלוק מע"ש לערב שבה" איז געווארן "ברכה מצוי׳ בעיסה" און "ענן קשור על האהל",

וואס דערמיט איז אויך פארשטאנדיק דער סדר ווי רש"י ברענגט די דריי ענינים, וואס לכאורה האט דער סדר געדארפט זיין אן אנדערער: די ערשטע זאך, גלייך ווי רבקה איז אריין אין אהל, האט געדארפט ווערן "ענן קשור על האהל"; דערנאך ווען זי האט אנגעצונדן די ליכט, האט געדארפט ווערן "נר דלוק מע"ש לערב שבת"; און דערנאך אז זי האט זיך מתעסק געווען אין דער עיסה, האט געדארפט ווערן "ברכה מצוי׳ בעיסה", אבער רש"י הויבט אן מיט נר דלוק מע"ש לערב שבת, דערנאך "ברכה מצוי׳ בעיסה", און דערנאך "ענן קשור על האהל",

וואס דאס איז אויך דער ביאור כפשוטו, מצד טבעיה הענינים: בשעה א מיידעלע הויבט אן בענטשן ליכט מצד חינוך, איז בטבע איז זי נאך דעמולט ניט שייך צו צרכי הביה - צו "ברכה מצוי׳ בעיסה"; ועאכו"כ אז זי איז ניט שייך צו ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט "ענן קשור על האהל", נאר די התחלה איז אז פריער הויבט זי אן בענטשן ליכט: דערנאך העלפט זי ארויס דער מוטער צי די עלטערע שוועסטער אין הנהגה וצרכי הביה ווערט "ברכה מצוי׳ בעיסה"; און דערנאך קומט די צייט און זי גרייט זיך צו דער חתונה וכו׳ ווערט דער "ענן קשור על האהל".

ויה"ר, ובמדובר לעיל און כמדובר כמ"פ באריכוה, אז אזוי ווי מען איז דאך איצטער אריין אין מעלי שבתא, וואס דאס הויבט זיך אן פון יום רביעי, ווי די גמרא (פסחים קו, א) טייטשט אפ אז פון יום רביעי ווערט דאס אנגערופן מעלי שבהא, זאל זיך אנהויבן די השתדלות ביתר שאת וביתר עוז, און ס׳זאל ווערן צו דעם ערב שבת ביי יעדער

אידישע פרוי און טאכטער און מיידעלע שהגיעו לחינוך דער ענין פון הדלקה נרוה שבה, און דאס זאל זיין די הכנה קרובה ווי ער זאגט אין ילקו"ש אין בהעלותך, אז דורך נרות שבת באוויזט מען די נרות ציון, בקרוב ממש בגאולה האמיתיה והשלימה ע"י משיח צדקנו.

ד. לכאורה דארף מען נאך אלץ האבן א ביאור: מ׳האט פריער גערעדט אז מ׳מוז זאגן אז אברהם אבינו האט געבענטשט נרות שבה, ווארום "וישמור משמרתי וגו׳", איז פארוואס טאקע איז נרו של אברהם אבינו ניט געווען דלוק מע"ש לערב שבת, און דאס האט זיך ערשט אנגעהויבן ווען ס׳איז געקומען רבקה? וואס בדוגמא לזה געפינט מען אויך אין דעם סיפור (ברכות לד, ב) פון ריב"ז מיט ר׳ חנינא בן דוסא, אז בשעת ריב"ז האט עפעס געדארפט האט ער געדארפט אנקומען צו רחב"ד, און ער האט אויף דערויף געזאגט דעם ביאור, אז "אני כשר לפני המלך", און "הסיח ראשו" וואלט ער ניט אופגעטאן, משא"כ אז דער עבד גייט אריין צום מלך, איז דאס איז זיין ענין, און תפלתו ווערט גלייך נתקבל,

און נאך נענטער צו דעם ענין איז דאס וואס די גמרא זאגט (יבמות סג, א) אז דער אויבערשטער האט איינגעשטעלט דעם סדר אז "אדם מביא חטין", איז "חטים כוסס", נאר ס׳איז דא דער "עזר כנגדו" און זי מאכט פון די חטים א מאכל הראוי לבני אדם, ועד"ז בא שעורים ובכל עניני העולם,

וואס ס׳איז דאך ניט דער פירוש אז דער טבע הענינים קען ניט זיין אנדערש, ווארום וויבאלד אז דער אויבערשטער האט אז׃י געוואלט איז אזוי געווארן בטבע, איז פארוואס האט טאקע דער אויבערשטער אזוי געוואלט, אז מ׳דארף אנקומען צו דם "עזר כנגדו" אין די חטים כו׳?

איז דער ביאור בזה, אז דער אויבערשטער האט געגעבן יעדערן דער חלק העבודה המתאים לו. ולדוגמא: עס זיינען דא מצות וואס א כהן טוט און ער איז מוציא בזה שאר בני ישראל, וואס אין דערויף איז דאך אויך דא די צווייטע דעה, אז אין אלע מצות איז יעדערער מחויב בפ"ע, בגלגול זה או בגלגול אחר, [חוץ פון מצוה המלך, ווי דער אלטער רבי זאגט אין אגה"ק (סי׳כ"ג) אז דער מלך איז מוציא כל העם כולו, וויבאלד אז "הנשיא הוא הכל" (רש"י חוקת כא, כא)], אבער בפשטות, איז פונקט אזוי ווי ישראל במעמדם איז דאס בשליחות כל ישראל, איז אזוי איז אויך לוים בדוכנם, וואס "נתונים נתונים המה לי מתוך בנ"י" (במדבר ח, טז), זיינען זיי דערמיט מוציא כל ישראל, ועד"ז כהנים בעבודתם [ניט אריינגייענדיק אין די דעות צי דאס איז שלוחי דרחמנא צי שלוחי דידן (יומא יט, א), דאס איז א באזונדער ענין וואס האט דערצו ניט קיין שייכות],

ועד"ז האט דער אויבערשטער אויך פאנאנדער געטיילט, אז "כל כבודה בת מלך פנימה" (תהלים מה, יד), און "איש דרכו לכבוש ואין אשה דרכה לכבוש" (יבמות סה, ב), וואס דערפאר איז ברייגנען די חטים וואס געפינען זיך בשדה אז זיי זאלן ווערן שייך צו א אידן און צו א אידישער הויז, איז "האיש דרכו לכבוש", איז דאס איז דער בעל מביא,

אבער מאכן פון גשמיות העולם א מאכל ראוי לבני אדם, דאס האט דער אויבערשטער געגעבן די כחות און דעם זכות אויף דערויף (ובמילא אויך די אחריות) צו דעם "עזר כנגדו", צו די עקרת הביח, ועד"ז איז באקומע די געלט אויף קויפן אדער בויען די הויז, איז דאס איז "האיש דרכו לכבוש", אבער די הנהגת הבית, אז אויף דעם ביה זאל זיין דער

"ושכנתי בתוכם", אז יעדער אידישע הויז ווערט א מקדש ומשכן לו ית', איז דאס היינגט אפ אן "חכמה נשים בנתה ביתה" (משלי יד, א), אן דער עקרת הבית,

וואס דערפאר איז בשעה אברהם האט געבענטשט ליכט, בדוגמא ווי א בעל וואס בענטשט ליכט, איז ניט וואס ער איז מצוי בבית, ווי דעם אלטן רבין'ס לשון (גענומען פון רמב"ם) אדער "עסוקות בצרכי בית", נאר ס'איז מערניט וזאס ער ברייגנט אריין די ענינים אין הויז, אבער איבערמאכן די הויז, אז זי זאל זיין א ליכטיקע בגשמיות - דאס געהערט צו דעם וועמען דער אויבערשטער האט געגעבן די כחות אז זי זאל זיך עוסק זיין בצרכי הביה,

וואס דערפאר אז אברהם האט געצונדן ליכט האט דאס געצונדן מדת החסד, האט געצונדן "האבות הן הן המרכבה", און ס'האט זיך אופ-געטאן די גילויים הכי עליונים אין אלע עולמות, אבער אויף דורכנעמען גשמיות העולם, אז די גשמיות פון דער ליכט וואס מ'האט אנגעצונדן, צי דאס איז געווען של שעוה, צי של שמן זית וכיו"ב, (ווי ס'איז דעמולט געווען), זאל דאס ברענען היפך הטבע פון דעם שעוה צי דעם שמן זית, מע"ש לערב שבת, איז דאס געהערט צו דער עבודה און דער ארבעט און השתדלות פון די וואס דער אויבערשטער האט זיי געגעבן דעם תפקיד און די שליחות פון "עוסקות בצרכי הבית",

ובמילא איז בשעת אברהם האט געטאן די מצוה האט דאס ניט משנה געווען דעם טבע פון דעם שמן זית צי פון דער שעוה, נאר אויף דערויף האט מען געדארפט האבן דעם "עזר כנגדו", וואס פריער איז דאס געווען שרה, און דערנאך איז דאס געווארן דורך א מיידעלע פון דריי יאר,

און ס'איז דאך מעשה אבות סימן לבנים, ועד"ז מעשה האמהות איז דאך סימן לבנות, וואס יעדער אידישע טאכטער ווערט אנגערופן בת שרה רבקה רחל ולאה, האט מען זיי געגעבן די כחות אז זיי זאלן דאס אופטאן (ברוחניות) אין תקופה הגלות דורך זייערע הדלקת הנרות, אז אין דער הויז ווערט ניכר אז דאס איז א הויז וואס מ'האט אנגעצונדן מיט א ליכטעלע מערער ערב שבת, און דאס איז ניכר מע"ש לערב שבת, ביז זי צינט אן די ליכט נאך אמאל,

וואס דאס ווערט די הכנה לע"ל, וואס דעמולט וועט דאס זיין אין דעם אופן, אז די גשמיות וועט דורכגענומען ווערן פון דער רוחניות און פון דער נשמה של כל דבר וענין, וועט דאס דעמולט זיין אויך בפשטות ביי יעדער נר שבת,

וואס דאס איז דער ביאור בפשטות פארוואס אברהם'ס הדלקת הנרות האט דאס ניט אופגעטאן, און דאס איז ניט א ענין וואס מ'קען זיך אויף דערויף דינגען, ס'שטייט אזוי בפירוש אין מדרש, און רש"י ברייגנט דאס אראפ בפירושו עה"ה, איז דערפון פארשטאנדיק אז דאס איז מובן ומוסבר אין פשטות הענינים, נאר מ'דארף דאך זוכן אויף יעדער ענין פרובירן דאס פארשטיין לפי שכלנו הדל, איז דאס איז איינע פון די ביאורים,

דאס וואס איז נוגע, איז נוגע דער מעשה בפועל, וכמדובר לעיל אז כל בה ובת בכל מקום שהי' זאל בענטשן מיט א ברכה, און זי זאל געבענטשט ווערן פון דעם אויבערשטן מקור הברכות, און דורך איר זאל נתוסף ווערן ווי דער לשון האחרונים (געבראכט אויך אין דעם אלטן רבין'ס שו"ע, ביז אין באר היטב אין קיצור וכו') אז ס'ווערט נתוסף שלום ושמחה יתרה דורך יעדער ליכטל וואס ס'ווערט נתוסף,

ביז וואנענט אז ס'וועט מקוים ווערן דער "ליהודים היתה אורה",
און דערפון אויך שמחה וששון ויקר, בקרוב ממש בגאולה האמיתית והשלימה.

# משיחת ש״פ חיי שרה תשל״ה

ה. כ'איז רגיל לערנען אַן עניין אין פרש"י עה"ה, יועט כעו זיך שטעלן אויף דער פירוש רש"י וואס כ'האב גערעדט אין די פריערדיקע ההועדוה (כ' חשון). און ס'איז אויך כאן המקום צו ענטפערן אויף די שאלות וואס כ'האב געפרעגט אויף דעם וואס כ"האָה גערעדט (וואס א חייל פון זיי זיינען גאר ווילדע שאלות).

רש"י שטעלט זיך אויפן פסוק "ויביאה יצחק האהלה שרה אמו" (פרשתנו כד,סז) און ברייננגט אראפ דריי ענינים כנ"ל, וואס דאס איז בשינוי, כמדובר לעיל, פון דעם פירוש הכתוב אין חיב"ע און אין מדרש וזהר, וואס אין חיב"ע (עה"פ), ועד"ז אין זהר (פרשתנו קלג,א) ברייננגט ער נאר איין ענין - דאס וואס נר דלוק מע"ש לע"ש; אין מדרש (ב"ר פרשתנו ס,טז) בר-יינגט ער א פערטע זאך - (נוסף אויף נר דלוק מע"ש לע"ש, וברכה מצוי' בעיסה וענן קשור על האהל, אויך דער ענין פון) דלתות פתוחות לרוחה, אבער רש"י איז משנה בזה און ברייננגט דריי ענינים - נר דלוק מע"ש לע"ש, ברכה מצוי' בעיסה, און ענן קשור על האהל,

דארף מען פארשטיין פארוואס ברייננגט רש"י אראפ - בפירוש הכתוב כפ-שוטו של מקרא - דוקא דריי ענינים, ניט איין זאך (כפירוש חיב"ע) און ניט פיר זאכן(כדאיתא במדרש)? ובפרט ווי מ'זעט אז דער גור ארי' איז מבאר יעדע זאכן - ער פארענטפערט פארוואס רש"י בפירושו ברייננגט נאר דריי זאכן, און ער איז אויך מחזק פירוש המדרש אין ב"ר אז דא זיינען געוועזן פיר ענינים; אבער זיין פירוש איז - כמדובר כמה פעמים - ע"ד הסוד והרמז והדרוש, און מ'דארף האבן א ביאור אין דעם שינוי שבפ-רש"י ע"ד הפשט - דער הכרח אין פשוטו של מקרא - כנ"ל.

און מ'דארף אויך פארשטיין (כמדובר לעיל) דער סדר אין די דריי זאכן, פארוואס ברייננגט רש"י די ג' ענינים הנ"ל בסדר כזה דוקא - פריער נר דלוק כו', דערנאך ברכה מצוי' בעיסה און די לעצטע זאך - ענן קשור על האהל, אע"פ וואס אין מדרש זאגט ער די ענינים מיט א פארקערטער סדר.

נאך א זאך וואס מ'דארף דא פארשטיין: בסיום פירושו זאגט רש"י: (כדאיתא בב"ר, וואס דאס קען דאך זיין, בכלל, אויף צוויי אופנים: א) דאס איז צוגעשריבן געווארן שפעטער ע"י המעתיק, וואס אזוי איז דאס בכמה פעמים אין פרש"י, ב) ווי ס'איז אנדערע מאל - אז דאס איז אויך פון פרש"י, ד.ה. אז דער כדאיתא במדרש וביו"ב האט רש"י אליין געשריבן,

ובנדו"ד, ווען מ'גיט א קוק אין די כת"י פון רש"י זעט מען אז בפרש"י זה זיינען די ווערטער (כדאיתא) בב"ר פון פרש"י גופא, ד.ה. אז דאס האט רש"י אליין געשריבן,

במילא דארף מען פארשטיין: כמדובר כמה פעמים, בשעת רש"י ברייננגט אראפ א פירוש פון מדרש, איז דאס דערפאר וואס פירוש זה איז מוכרח אין פשטות הכתובים - ס'איז מוכרח אין פשוטו של מקרא (דאל"כ וואלט עס רש"י ניט אראפגעבראכט בפירושו עה"ת), איז דאך ניט פארשטאנדיק, ממ"נ: אויב דאס איז דער פירוש הפשוט לגמרי, דארף דאך רש"י ניט זאגן כדאיתא בב"ר (ווי מ'זעט כמה פעמים אז רש"י ברייננגט אראפ א פירוש וואס שטייט אין מדרש און ער זאגט ניט כדאיתא במדרש); און אויב דאס איז ניט פשטות הכתובים לגמרי (נאר ס'איז מוכרח אזוי צו לערנען (אויך) אין פשוטו של מקרא), וואס דערפאר איז רש"י מסיים כדאיתא בב"ר, האט רש"י געדארפט מקדים זיין לפירושו דרשו רבותינו אדער דרשו חז"ל וכיו"ב, ווי ער טוט כמה וכמה פעמים בפירושו - דארט וואו דער פירוש איז ניט פשטות הכתובים לגמרי?

וואס אזוי איז זיך אויך מסתבר בענין זה, דלכאו' איז ניטא קיין שום הכרח בפשוטו של מקרא אויף די דריי ענינים - נר דלוק, וברכה מצוי' וענן קשור כו', ס'איז ניטא לכאו' קיין רמז לזה אין פשטות הכתובים, האט רש"י געדארפט לכאו' אנהויבן זיין פירוש מיט דרשו רבותינו וכיו"ב.

[illegible]

אויך דארף מען פארשטיין: ס'האט געדארפט זיין פשוט אז רש"י איז בדיוק אויף אין די ווערטער וועלכע ער איז מעתיק פון פסוק בהתחלת פירושו: דארף מען פארשטיין בנדו"ד: וואס איז רש"י מעתיק פון פסוק דער ווארט "אמו"? אין דעם וואס שרה איז געווען אמו של יצחק איז ניטא קיין חידוש, דאס ווייס שוין דער קינד פון פריער, און רש"י איז גארניט מחדש בזה לכאו', האט רש"י געדארפט ברענגען בלויז בפנים הפירוש - והרי היא שרה אמו, און שטעלן זיך לכתחלה אויף דעם ווארט; ע"ד ווי רש"י ברענגט בפנים פירושו דער ווארט ויביאה, כאטש ער איז דאס ניט מעתיק פון פסוק בהתחלה פירושו (וויבאלד אז רש"י איז גארניט מחדש בזה און ס'איז בלויז ויאס לההליכוה פירושו מוז ער ברענגען אויך דער ווארט), איז פארוואס איז רש"י מעתיק פון פסוק (ניט בלויז די ווערטער האהלה שרה, נאר) אויך דער ווארט "אמו"?

דערפאר דארף מען זאגן אז דאס איז טאקע שווער אין פסוק - פארוואס שטייט דא די ווערטער "האהלה שרה אמו"; ניט ווי אנדערע מפרשים לערנען אז רש"י איז דא שווער אז עס האט געדארפט לכאו' שטיין האהל של שרה אמו, אדער לאהל שרה אמו (ווי ער זאגט אין זהר (שם)) איז ניאס איז דאס פארא לשון "האהלה (מיט צוויי ה"ה'ן) שרה אמו") - נאר רש"י איז דא שווער: נאך וואס דארף עס בכלל שטיין אין פסוק די דריי ווערטער "האהלה שרה אמו"? - וואס דערפאר איז רש"י מוכרח צו לערנען דער פירוש וואס ער לערנט, ובשינוי פון תיב"ע וזהר און פון מדרש, און ער זאגט די ג' ענינים בסדר כזה דוקא, און ער מוז מסיים זיין (כדאיתא) בב"ר, וכפי שיתבאר לקמן.

ובאן איז אויך המקום צו ענטפערן אויף די שאלה וואס ס'האט געפרעגט על המדובר בההועדות הקודמת: ס'האט גערעדט אז פון דער רש"י זעט מען ווי א מיידעלע פון דריי יאר - וואס רבקה איז דעמולט געווען אלט דריי יאר כנ"ל - האט געצונדן ליכט, און דאס האט אופגעטאן די אלע ענינים נפלאים, כמבואר לעיל בארוכה; וואס פון דעם האט מען די הוראה אויך איצטער וואס מ'קען אופטאן די הדלקה נרות שבת פון א דריי יאריקע מיידל - פאר די חתונה. און פאר דעם וואס זי ווערט בת מצוה, נאר גלייך משהגיעה לחינוך.

איז אויף דעם האט מען געפרעגט: ס'איז דא וואס תוס' זאגט אין כתובות (ז,ב. ד"ה שנאמר) אז רבקה איז דעמולט געווען אן ארוסה, ווי ער ברענגט דארטן אראפ פון מס' כלה (פ"א) וואס ער זאגט מנין לברכה חתנים מה"ת שנא' "ויברכו את רבקה גו' אחותנו את היי לאלפי רבבה גו'", (ווי תוס' לערנט אז דאס מיינט מען ברכה אירוסין), ד.ה. לכאו' אז רבקה איז דעמולט געווען אן ארוסה, איז וואס איז די הוכחה פון דארטן על המדובר אז א קליין מיידעלע וואס איז ניט אן ארוסה, און נאכמערער, וואס איז פאר בת מצוה וכו', זאל צינדן ליכט?

איז, כמדובר כמה פעמים, בדרך הקשים, אז מרוב ההפעלה פון די קשיא קו ט מען ניט א שורה ווייטער וואס שטייט דארטן, וואס דאס נעמט אראפ לגמרי די שאלה: אין דעם זעלבן תוס', מיט א שורה ווייטער, זאגט תוס': ונראה אסמכתא בעלמא היא, אז דאס וואס מ'לערנט אפ ברכה אירוסין ממש"כ "ויברכו גו' ויאורו לה את היי גו'" איז בלויז אן אסמכתא, ובפרט נאך אז די ברכה "אחותנו את היי גו'" איז לגמרי ניט בדומה צו ברכה אירוסין וואס מ'זאגט איצטער, נאר ס'איז בלויז אן אסמכתא, בכילא. וויבאלד ס'איז בלויז אן אסמכתא, איז ניטא קיין שום הכרח צו זאגן אז רבקה איז דעמולט געווען אן ארוסה,

נאכמערער: דאס וואס תוס' זאגט ונראה שאסמכתא בעלמא היא, איז דאס אלץ ווי ס'איז געווען בזמן התוס', אבער בזמן הזה איז דאס שוין א ודאי, אזוי שטייט מפורש אין די גמרא אויף מס' כלה, וואס אין די גמרא אויף מס' כלה פרעגט ער מאקע אויף דעם וואס די ברייתא זאגט מנין לברכה חתנים מה"ת שנא' "ויברכו גו' את היי גו'" - "מידי בכוס ברכוה"? - און ער פארענטפערט: אלא אסמכתא הוא,

ד.ה. אז עס־קאן זיין אז בזמן התוספות האבן זיי ניט געהאט די גמרא אויף מס' כלה, דערפאר זאגט תוס' ונראה אסמכתא בעלמא היא, משא"כ איצטער, ווען מ'האט שוין די גמרא פון מס' כלה, איז דאס שוין ניט קיין גדר פון נראה, נאר ס'איז א גדר ודאי, אז ס'איז בלויז אן אסמכתא, ובמילא קומט אויס אז ס'איז ניט קיין שום הכרח אז רבקה איז דעמולט געווען אן ארוסה.

נאכמער איז דער הכרח ע"ז פון פדר"א: אין פדר"א (פט"ז) זאגט ער "ובחזן שהוא עומד ומברך את הכלה בחופתה כך עמדו וברכו את רבקה שנא' ויברכו את רבקה גו'", ד.ה. אז אין פדר"א נעמט ער אן אז די ברכה איז געווען אן ענין פון ברכה נישואין,

און נאך דעם שטייט אז רבי ישמעאל זאגט אז אפי' לאחרי ווי אליעזר האט געבראכט רבקה'ן איז יצחק נאך אלץ ניט געווען זיכער צי ער וועט איר נעמען צי ניט, ובדוקא לאחרי ווי ס'איז געווען "ויביאה יצחק האהלה שרה אמו" וואס דעמולט האט ער געזען ווער רבקה איז, האט יצחק איר גענומען לו לאשה, ד.ה. אז ר"י זאגט מפורש אז רבקה איז פריער ניט געווען קיין נשואה.

- איז כדי -

איז כדי שלא לאפושי מחלוקת דארף מען זאגן אז באמה קריגן ניט דער ת"ק און ר"י און דער ת"ק האלט אויך אז זי איז לפועל <u>ניט</u> געווען קיין נשואה, און דאס וואס ער זאגט אז די ברכה איז אן ענין פון ברכת נישואין איז בלויז אן אסמכתא בעלמא.

ובמכש"כ וק"ו: מה דאך אז אפילו בנוגע צו <u>אירוסין</u>, זיינען דא כמה קושיות בדבר - ווי האט אליעזר געקאנט מאכן אירוסין - אליעזר איז דאך געווען א שליח פון אברהם׳ן און יצחק איז שוין דעמאלט געווען א גדול? מיט נאך כמה קושיות בדבר; עאכו"כ בנוגע צו נישואין איז נאכמער ניט מובן - ווי האט אליעזר געקאנט מאכן נישואין - ס׳איז דאך נישואין ע"י שליח וכו׳,

דערפאר דארף מען זאגן אז רבקה איז טאקע ניט געווען קיין נשואה, און דאס וואס ער זאגט אין פדר"א אז ס׳איז געווען ברכת נישואין איז אן אסמכתא בעלמא,

איז עד"ז בנוגע צו ברכת אירוסין, אז רבקה איז טאקע דעמאלט ניט געווען קיין ארוסה, און דאס וואס מ׳לערנט פון דעם אפ ברכת אירוסין איז בלויז אן אסמכתא בעלמא.

דערנאך קומט צו נאך אן ענין: די מצוה פון הדלקת נרות איז ניט פארבונדן מיט אן ארוסה נאר מיט א נשואה (און ווי ס׳איז געווען בפעם הראשונה - וואס חוה איז דאך געווען א נשואה), ד.ה. אז אפילו אויב מ׳וועט זאגן אז רבקה איז געווען אן ארוסה, פונדעסטוועגן, ווערט זי ניט נעענטער עי"ז צו דעם חיוב פון הדלקת נר שבת ווי דער וואס איז ניט קיין ארוסה, און די איינציקע זאך וואס איז מועיל בזה איז - דער ענין פון נישואין, אבער אן ארוסה איז שוה צו ניט קיין ארוסה בזה.

והטעם ע"ז: דאס וואס דער חיוב פון הדלקה נר שבה איז געגעבן געווארן צו נשים איז, ווי דער אלטער רבי זאגט אין שו"ע (הל׳ שבת סי׳ רס"ג ס"ה) - דערפאר וואס זיי זיינען "עסוקות בצרכי הבית", במילא, אן ארוסה וואס איז ניט עסוקה בצרכי הבית - ווארום זי געפינט זיך ניט בבית החתן - איז ניט מחוייבת בהדלקת הנר; ואפילו אויב מאיזה סיבה געפינט זי זיך יע בבית החתן, איז זי אויך ניט עסוקה בצרכי הבית - די שוויגער וועט איר בשום אופן ניט לאזן פארקען זיך אין קיך (ווי מ׳זעט במוחש), מילא נאך די חתונה האט זי קיין ברירה ניט, אבער <u>פאר</u> די חתונה איז א דבר פשוט אז די שוויגער וועט איר בשום אופן ניט לאזן פארקען זיך אין קיך.

במילא, וויבאלד. אז אן ארוסה איז ניט עסוקה בצרכי הבית, איז ניטא אויף איר קיין חיוב פון הדלקת הנר, און דוקא דער ענין פון נישואין ברייגנט דער חיוב שבזה; ולכן, אפילו אויב רבקה איז יע געווען אן ארוסה, לייגט דאס אויף איר <u>ניט</u> ארויף דער חיוב פון הדלקת הנר, ובמילא, פון דעם וואס רבקה האט לפועל געבענטשט ליכט האט מען די קלארע הוראה פאר א דריי יאריקע מיידל וכו׳ אז זי זאל בענטשן ליכט, און וואס זי קען אויפטאן עי"ז וכו׳.

די איינציקע שאלה וואס בלייבט איצטער איז - פון חזקוני: דער חזקוני זאגט אז ס׳איז געווען אן ענין של <u>נישואין</u>, איז עפ"י פירוש זה של החזקוני אז רבקה איז שוין דעמאלט געווען א נשואה, האט מען לכאו׳ קיין ראי׳ ניט מסיפור זה וועגן די הדלקה נרות פון א דריי יאריקע מיידל, פאר די חתונה וכו׳,

- איז אבער די מעשה ניט אזוי: בנוגע לענין זה (של הדלקת נרות) איז באמת קיין נפק"מ ניט צי רבקה איז געווען א נשואה צי ניט, ווארום

וויבאלד אז רבקה איז דעמולט געווען א קטנה - דריי יאר אלט, איז זי נישט שייך צו דער חיוב פון הדלקה הרורות שבת ווי עס איז בא א גדולה, נאר די איינציקע חיוב צו וועלכע זי איז שייך איז - די מצוה פון חינוך,

ד.ה. אז אפילו אויב רבקה איז געווען א נשואה, איז אבער די איינציקע טעם פארוואס זי האט געצונדען ליכט איז - מצד מצוה חינוך, ווארום חובה המצוה מצד עצמה ליגט נישט אויף איר וויבאלד זי איז א קטנה און ס'איז נישטא קיינע חיובים לקטנה, אפילו אויב זי איז א נשואה,

ובמילא, וויבאלד מ'זעט אז רבקה האט געצונדען ליכט, כאטש זי איז געווען א קטנה, איז פון דעם די קלארע הוראה אז מצד חינוך דארף מען זען אז א דריי יאריקע מיידעלע זאל צינדן נרות שבת. פונקט ווי ס'איז געווען בא רבקה, וכנ"ל אז דאס וואס זי איז געווע-ען א נשואה איז נישט מועיל בזה, ווארום וויבאלד זי איז געווען א קטנה, איז מער פאר די חובה פון חינוך האט זי נישט, און נישט די חיוב המצוה מצ"ע.

נאך א נקודה בזה: מ'געפינט דאך אין ערגעץ נישט א פלוגתא צווישן רש"י און חזקוני בענין זה - צי א קטנה מעג צינדן נרות שבת מצד מצוה חינוך צי נישט, מ'זעט נישט אז אימיצער זאל אראפברענגען אזא פלוגתא צווישן רש"י און חזקוני, איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז נישט אין דעם קריגן זיי, ובעצם הענין האלטן אלע אז א קטנה צינדט ליכט מצד מצוה חינוך, אפילו אז זי איז נישט א נשואה; עס איז בלויז וואס מצד אנדערע הכרחים וואס דער חזקוני האט בפירוש הכתובים האלט ער אז רבקה איז בפועל געווען א נשואה, אבער נישט ער מיינט צו זאגן אז א קטנה וואס איז נישט קיין נשואה טאר נישט צינדן נרות שבת.

דער הכרח ע"ז איז נאכמער: אויב מ'וועט זאגן אז דער חזקוני נעמט אן אז א קטנה וואס איז נישט קיין נשואה טאר נישט צינדן ליכט, האט ער געדארפט ברענגען א ראי' לפירושו (אז רבקה איז געווען א נשואה) פון דעם מדרש גופא: פון דעם וואס דער מדרש זאגט אז ווען רבקה האט געבענטשט ליכט האבן די ליכט געברענט מע"ש לע"ש - איז א ראי' אז רבקה איז געווען א נשואה, ווארום אויב נישט - איז ווי האט זי געקאנט צינדן ליכט?

איז פון דעם וואס דער חזקוני ברייננגט נישט אזא ראי', ועד"ז ברייננגען נישט אנדערע אזא ראי' (אז רבקה איז געווען א נשואה פון דעם וואס זי האט געבענטשט ליכט), איז דעפון מוכרח אז אלע האלטן אז אפילו א קטנה וואס איז נישט קיין נשואה דארף אויך בענטשן ליכט, אדער עכ"פ עס האט אן ארט אז זי זאל בענטשן ליכט, במילא איז פון דעם מדרש קיין ראי' נישט, ווארום אפילו אז רבקה איז נישט געווען א נשואה, האט זי נאך אלץ געבענטשט ליכט - מצד מצוה חינוך.

דערנאך זיינען דא די וואס זוכן זיך שאלות, האבן זיי געפרעגט: מ'האט גערעדט אמאל בארוכה (ש"פ חיי שרה תשל"ג. נדפס בלקו"ש פ' ה"פ תשל"ד) בביאור פרש"י עה"פ "נקרא לנערה ונשאלה את פיה" וואס רש"י איז מפרש ע"ז: מכאן שאין משיאין את האשה אלא מדעתה - האט מען גערעדט אז רבקה האט געהאט א דין ווי א גדולה, מצד דערויף וואס זי איז שוין געווען ניכרת במעשיה (ראה ליקוט הנ"ל בארוכה),

ד.ה. אז דאס וואס מ'זאגט (שו"ת הרא"ש כלל ט"ז) אז דער שיעור פון גדלות ווערט נכלל אין דעם וואס מ'זאגט שיעורין הלכה למשה מסיני - דאס האט זיך אנגעהויבן פון מ"ה, ווען זיי האבן געהאט די דינים

- פון -



הנחה הת' בלתי מוגה

כון בנ"י, משא"כ קודם מ"ה, וואס זיי האבן דעמולט געהאט דעם דין פון ב"נ. איז דער שיעור פון א גדול בן י"ג שנה (ובת י"ב שנה) (ניט הל"מ, וואס דאס איז שייך בא בנ"י דוקא, לאחרי מ"ה, נאר ס'איז) תלוי בדעה ובהבנה, ד.ה. אז דעמולט ווערט ער א גדול בדעה, משא"כ רבקה, וויבאלד זי איז שוין געווען א גדולה בדעה קודם לזה, ווי מ'זעט פון דעם גאנ-צן סיפור הדברים מיט אליעזר'ן וכו', האט זי געהאט א דין ווי א גדולה שוין דעמולט, ווען זי איז געווען אלט דריי יאר -

איז עפ"ז פאלט אראפ לכאו' דאס וואס מ'האט פריער גערעדט אז רבקה האט געצונדן ליכט מצד חינוך דוקא (ווייל זי איז געווען א קטנה)?

דאס איז אבער א ווילדע שאלה: ווען קען מען זאגן אז דער שיעור פון קטנות וגדלות בא רבקה איז געווען ווי עס איז בא א ב"נ - דוקא אין די ענינים וואס זיינען שייך בא א ב"נ, משא"כ די חיובים וואס זיינען דא דוקא בא בנ"י, קען מען דאך ניט זאגן אז דער חיוב שבדבר איז מצד דערויף וואס זי האט א דין ווי א <u>איד</u>, און דער שיעור פון גדלות שבזה איז דער שיעור ווי עס איז בא א ב"נ! ס'איז א ווילדע סברא!

במילא, אפילו אז מיר וועלן זאגן פון דעם וואס רש"י זאגט דארטן "מכאן שאין משיאין את <u>האשה</u> אלא מדעתה", און ער ברייינגט ניט די גיר-סא (ילקוט רמז קט) "שאין משיאין את <u>הקטנה</u> (אדער יתומה (ב"ר עה"פ)) אלא מדעתה", איז דערפון א הוכחה אז רש"י האלט אז רבקה האט געהאט א דין פון א גדולה, איז אבער בד"א - נאר אין די ענינים וואס זיינען שייך בא א ב"נ, וכמ"ש "על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו ג"י", באשתו ולא באשה חברו (סנהדרין נח,א), וואס דאס איז א דין בא בני נח, קען מען זאגן (בענין זה) אז דער שיעור פון גדלות וקטנות בא רבקה איז געווען ווי עס איז בא א ב"נ - אז ס'איז תלוי בדעה ובהבנה, ובמילא, וויבאלד רבקה איז שוין געווען א גדול בדעת צו דריי יאר, האט זי דעמולט געהאט א דין פון א גדולה; אבער דוקא ביי אזעלכע ענינים וואס זיינען בא א ב"נ,

משא"כ דער ענין פון הדלקת נר שבת, וואס דאס איז שייך דוקא בא בנ"י אבער ניט בא עכו"ם, ואדרבא, עכו"ם ששבת חייב מיתה (שם נח,ב), קען מען דאך ניט זאגן א דבר והיפוכו - אז דער חיוב פון הדלקה הנרות אצלה איז געווען דערפאר וואס זי איז געווען א בת ישראל דוקא, און דער שיעור פון קטנות וגדלות שבזה איז געווען כמו שהוא אצל ב"נ! מ'קען ניט האלטן פון ביידע עקן!

מוז מען דאך זאגן בנוגע צו דער חיוב פון הדלקת נר שבת, וואס דאס איז דא בא <u>אידן</u> דוקא, איז דער שיעור פון גדלות - ווי עס איז בא <u>בנ"י</u>, וואס דאס איז - א הלכה למשה מסיני, אז א זכר ווערט א גדול ווען ער ווערט בן י"ג שנה ויום אחד, און א נקבה ווערט א גדולה ווען זי ווערט בת י"ב שנה ויום אחד, במילא איז דאך א דבר פשוט אז בנוגע צו דעו חיוב פון הדלקת נר שבת איז רבקה געווען א קטנה, און דאס וואס זי האט געצונדן ליכט איז מצד <u>חינוך</u> דוקא כנ"ל; אבער ניט ווי מ'האט געוואלט לערנען א ווילדע סברא, אז חיובה בזה איז געווען מצד דערויף וואס זי איז א בת ישראל, און דער שיעור פון גדלות שבזה איז ווי עס איז בא א ב"נ - אזא מציאות איז ניטא!

ובנוגע צו דער ביאור אין פרש"י דידן:

ראס וואס רש"י איז דא שווער אין דעם פסוק: נאך וואס דארף דא שטיין

- די -

די ווערטער "האהלה שרה אמו"? וואס גיט דאס צו אין פסוק? בשלמא דאס וואס עס שטייט "ויביאה יצחק" איז מובן: פריער איז רבקה געשטאנען בחוץ; אליעזר איז צוגעגאנגען צו יצחק צו דערציילן עס אלץ וואס ס'איז געשען. כנ"ל "ויספר העבד ליצחק את כל הדברים האלה", און דעמולט איז רבקה נאך געשטאנען אין אזייט, ולאח"ז איז געווען "ויביאה יצחק"; אבער נאך וואס דארף שטיין די ווערטער "האהלה שרה אמו", עס וואלט געווען מספיק עס זאל שטיין " ויביאה יצחק ויקח את רבקה ותהי לו לאשה", והו לא?

איז דערפון וואס דער פסוק זאגט - פאר דעם וואס עס שטייט "ויקח את רבקה ותהי לו לאשה" - די ווערטער "האהלה שרה אמו", איז מוכרח צו זאגן אז דאס איז געווען עפעס א הכנה והקדמה צו דעם ענין פון "ותהי לו לאשה", ד.ה. אז דוקא לאח"ז וואס יצחק האט איר געבראכט "האהלה שרה אמו" האט ער מסכים געווען נעמען איר לאשה - ויקח את רבקה גו', אבער ביז דעמולט איז יצחק נאך אלץ ניט געווען זיכער צי ער וועט איר נעמען פאר זיין ערוי.

עס איז דאך אבער ניט פארשטאנדיק: דער קינד האט שוין פריער געלערנט בארוכה ווי אליעזר האט געזאגט "והי' הנערה אשר אמר אליה הטי נא כדך ואשתה גו'" וועט ער פון דעם וויסן אז "אותה הוכחת לעבדך ליצחק", און דערנאך איז געטראפן די אלע ענינים פונקט ווי אליעזר האט געזאגט, וואס דערפון האט ער געוואוסט קלאר אז "היא האשה אשר הוכיח ה' לבן אדני", און ווי לבן ובתואל האבן דערנאך געזאגט " מה' יצא הדבר",

איז וויבאלד אז ס'איז געווען אזוי קלאר אז "היא האשה אשר הוכיח ה' לבן אדני", איז וואס האט אויפגעטאן דער ענין פון "האהלה שרה אמו" נאכמער פון דעם - צו מוכיח זיין יצחק'ן אז ער דארף נעמען רבקה לו לאשה?

נאכמער ווערט די שאלה: עה"פ "ויספר העבד ליצחק את כל הדברים אשר עשה" זאגט רש"י: גילה לו נסים שנעשה לו כו' , אז אליעזר האט דערציילט יצחק'ן די אלע נסים וואס זיינען מיט עם געטראפן,

ואעפ"כ זאגט מען, אז אפילו לאחרי ווי יצחק האט געהערט די אלע נסים, האט ער נאך אלץ ניט מסכים געווען לגמרי צו נעמען רבקה לו לאשה, און עס האט געדארפט פריער זיין (ויביאה) "האהלה שרה אמו", ודוקא לאח"ז - "ויקח את רבקה ותהי לו לאשה", האט ער חתנה געהאט מיט רבקה'ן?

מוז מען דאך זאגן אז דערמיט וואס יצחק האט אריינגעבראכט רבקה'ן "האהלה שרה אמו" האט ער געזען אזעלכע נסים וואס זיינען נאך גרעסערע נסים ווי אט די ענינים וואס זיינען געטראפן מיט אליעזר'ן, אשר לכן איז דוקא לאחרי ווי יצחק האט דערזען די נסים האט ער מחליט געווען צו נעמען רבקה לו לאשה.

ועפי"ז ווערט גלייך פארענטפערט פארוואס רש"י בריינגט ניט אראפ דער ענין פון דלתות פתוחות לרוחה (ווי ער זאגט אין מדרש), ווארום דאס איז ניט געווען קיין חידוש דבר וואס יצחק האט דערזען דוקא בשעת "(ויביאה) האהלה שרה אמו", ער האט שוין געוואוסט פריער אז רבקה פירט זיך באופן כזה, ווי אליעזר האט אים דערציילט וואס רבקה האט געטאן פאר עם - זי האט געשעפט וואסער פאר אים און פאר די גמלים וכו', און אין אן אופן פון "ותמהר", מיט די אלע פרטים שבזה, וואס דאס איז א הנהגה פון דלתות פתוחות.

ואפילו אויב מיר וועלן זאגן אז דא האט זיך אופגעטאן דער ענין פון "לרווחה" (וואס דאס האט אליעזר פריער ניט געזען) - איז דאס אבער ניט קיין ענין ניסי, דאס איז אלץ אן ענין טבעי, במילא קען מען דאך ניט זאגן - לאחרי ווי יצחק האט שוין געהערט פון אליעזר'ן די אלע נסים

וואס זיינען געטראפן בנוגע צו זיין טרעפן זיך מיט רבקה'ן - אז דער ענין פון דלהוה פהוחוה לרוחה - וואס איז ניט קיין ענין נסי נאר אן ענין טבעי - זאל זיין א שטארקערער הוכחה פאר יצחק ער זאל נעמען רבקה לו לאשה, <u>נאכמער</u> ווי די אלע נסים וועגן וועלכע ער האט פריער געהערט!

נאר רש"י מוז דא זוכן, בפירוש הכתוב, אז אין דעם ענין פון "האהלה שרה אמו" האט יצחק דערזען אזעלכע נסים וואס זיינען נאך שטארקערע הוכחות ווי פריער אז רבקה איז טאקע ראוי' ער זאל איר נעמען לו לאשה, וואס דערפאר קומט דאס אלס הכנה והקדמה צו "ויקח אה רבקה ותהי לו לאשה".

און וויבאלד עס שטייט דא אין פסוק דריי ענינים - א) האהלה, ב) שרה ג)אמו, מוז מען דאך זאגן אז דער פסוק וויל דא זאגן אז יצחק האט דערזען ג' סוגי נסים: א נס וואס איז פארבונדען מיט האהלה, א נס וואס איז פארבונדען מיט שרה, און א נס וואס איז פארבונדען מיט אמו.

ועל הסדר: בשעה עס שטייט "האהלה", וואס דאס איז בנ"ל - א נס וואס איז פארבונדען מיט "האהלה", איז דאס וואס דער קינד האט פריער געלערנט וועגן א נס וואס איז פארבונדען מיט א מקום מסויים איז - וואס עס שטייט פריער (וירא כב,ד) "וירא את המקום (מרחוק)", ווי רש"י איז דארטן מפרש: ראה ענן קשור על ההר, וואס פון דעם ווייס דער בן חמש למקרא אז א נס וואס טיילט אויס א מקום מסויים פון אלע אנדערע ערטער איז - דער נס פון "ענן קשור" על מקום ההוא,

בכילא, בשעת דער בן חמש למקרא לערנט דא אין פסוק אז ס'איז געווען א נס וואס איז פארבונדען מיט אהל, מיט א מקום מסויים, ד.ה. אז דער אהל אז געווען אויסגעטיילט פון אלע אנדערע אהלים באופן ניסי, ווייס גלייך דער בן חמש למקרא, עפ"י וואס ער האט פריער געלערנט, אז ס'איז געווען דער ענין פון "ענן קשור על האהל"; דאס איז דער נס וואס איז פארבונדען מיטן עצם ענין פון אהל, וואס ער איז אנדערש און אויסגעטיילט פון אנדערע אהלים - דער ענין פון ענן קשור על האהל; פונקט ווי עס שטייט פריער "וירא את <u>ה</u>מקום", מיט א ה"ה הידיעה - אן אויסגעטיילטע מקום, וואס דאס איז ע"י שענן קשור על ההר, עד"ז דא אויך וואו עס שטייט "<u>ה</u>אהלה", מיט א ה"ה הידיעה - אן אויסגעטיילטער אהל באופן נסי, איז דאס ע"י וואס ענן קשור על אהל; וואס דאס איז דער פירוש הפשוט בהכתוב.

דערנאך איז דא דער צווייטער ווארט וואס שטייט אין פסוק - "שרה", וואס דאס איז פארבונדען מיטן נס פון ברכה מצוי' בעיסה.

וואס דער פירוש בזה איז אזוי ניט ווי אנדערע מפרשים לערנען אז די נס פון ברכה מצוי' בעיסה איז פארבונדען במיחד מיט, ובשבר פון, מצוה חלה, וכידוע די דריי מצות וואס זיינען פארבונדען מיט נשים דוקא, וואס זייער ר"ת איז חנ"ה אדער הח"ן - חלה, נדה און הדלקת נר, ומפני זה ווילן די מפרשים לערנען אז די דריי ענינים פון נר דלוק מע"ש לע"ש און ברכה מצוי' בעיסה און ענן קשור על האהל זיינען פארבונדען מיט די דריי מצוה, און דער נס פון ברכה מצוי' בעיסה איז פארבונדען מיט מצות חלה -

קען מען אזוי ניט לערנען אין פשוטו של מקרא, און זאגן אז דאס מיינט רש"י, ווארום דער קינד האט נאך ניט געלערנט וועגן מצוה הפרשה חלה, דאס וועט ער ערשט לערנען שפעטער אין פ' שלח, קען דאך רש"י ניט פארלאזן אויף אן ענין וואס דער קינד האט נאך ניט גע-לערנט, כמדובר כמה פעמים; ועד"ז דאס וואס זיי ווילן זאגן אז דער ענין פון ענן קשור על האהל איז פארבונדען מיט מצות נדה - קען מען דאס אויך ניט זאגן, מטעם הנ"ל, ווייל דער קינד האט נאך ניט

- געלערנט -

געלערנט וועגן מצוה נדה. ער האט געלערנט פריער אז "פירסה שרה נדה" (פרש"י וירא יח,ח), אבער ער האט נאך ניט געלערנט וועגן די מצוה פון טבילה וספירה הימים וכו', וואס דערפאר דארף מען זאגן דער ביאור אין דעם ענין פון ענין קשור על האהל כנ"ל, אז דאס ווייס מען דערפון וואס עס שטייט "האהלה" מיט א ה"ה ע"ד ווי עס שטייט "וירא את הרקוב".

ועד"ז דער ענין פון ברכה מצוי' בעיסה – ווייס מען דאס פון דעם וואס עס שטייט "שרה". והביאור בזה:

דער קינד האט שוין פריער געלערנט אז עיסה איז פארבונדען בכיוחד מיט שרה, און דאס איז – וואס עס שטייט פריער בתחלת פ' וירא, ווען די מלאכים זיינען געקומען צו אברהם, און אברהם אבינו האט געגרייט פאר זיי עסן – זאגט דער פסוק (יח,ו) "וימהר אברהם האהלה אל שרה ויאמר גו' קמח סלת לושי ועשי עגות", איז דאך לכאו' ניט פארשטאנדיק:

אברהם אבינו האט געזוכט צו מקיים זיין די מצוה פון הכנסה אורחים, במילא איז ער אליין ארומגעגאנגען און האט זיך אליין געגרייט עסן פאר די אורחים – וכמ"ש "ואל הבקר רץ אברהם וגו'", איז פארוואס פעפס בשעת ס'איז געקומען צו "לושי ועשי עוגות" האט ער געגעבן שרה דאס טאן? ער האט דאס אליין געדארפט טאן, פונקט ווי ער האט אליין געגרייט אלע אנדערע זאכן? ובפרט ווי דער קינד לערנט ווייטער אז ווען די מלאכים זיינען אוועק צו לוט שטייט "ומצות אפה ויאכלו" – אז לוט אליין האט געבאקט די מצות, איז פארוואס האט עס אברהם אבינו אליין ניט געטאן?

איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז דער ענין פון "לושי", וואס דאס איז דער ענין פון עיסה, איז שייך במיוחד צו שרה, דאס איז ענינה המיוחדה לה דוקא, וואס דערפאר איז דער ענין פון "לושי ועשי עוגוה" – ניט קוקענדיק אויף דעם וואס אברהם אבינו האט אלץ אליין געטאן – האט ער אפגעגעבן צו שרה,

במילא בשעת דער קינד לערנט דא אין פסוק אז ס'איז געטראפן א נס וואס איז פארבונדען מיט (ענינה של) "שרה" דוקא, ווייס ער גלייך אז דאס איז דער ענין פון ברכה מצוי' בעיסה, וואס דערפאר זאגט רש"י – בפשטות הכתובים – אז דער נס מיוחד וואס איז פארבונדען מיט שרה איז – ברכה מצוי' בעיסה.

דערנאך קומט דער דריטער ווארט – "אמו", וואס דער נס וואס איז פארבונדען במיוחד מיט "אמו" איז – נר דלוק מע"ש לע"ש, והביאור בזה:

לכאו' איז דא אויך די זעלבע שאלה, ע"ד ווי מ'האט פריער געפרעגט: דער בן חמש למקרא האט נאך ניט געלערנט וועגן די מצוה פון הדלקת נרות שבת, איז ווי זאגט אים רש"י "נר דלוק" – א זאך וואס ער ווייס נאך ניט לכאו' דערפון? – איז אבער באמת דא אנדערש: וועגן די מצוה פון הדלקת נר שבת דארף דער קינד ניט לערנען, וועגן דעם ווייס ער שוין, ער זעט דאס אליין, יעדער פרייטאג פארנאכט זעט ער ווי זיין מוטער בענטשט ליכט; ע"ד ווי רש"י דארף ניט אויסטייטשן די ווערטער פון חומש אויף פראנצויזיש, ווארום דער קינד ווייס פירוש המלות אליין, וע"ד ווי רש"י דארף עס ניט זאגן וועגן דאווענען דריי מאל א טאג, ווארום ער ווייס פון דעם אליין, עד"ז דארף עס רש"י ניט דערציילן אז ס'איז דא די מצוה פון הדלקת נר שבת, ווארום ער זעט דאס אליין, יעדער פרייטאג זעט ער ווי זיין מוטער בענטשט ליכט,

- און -



הנחה הת' בלתי מוגה

און דאס איז דאך א הכרח - אז "אמו" צינט ליכט; בנוגע צו א שוועסטער איז לאו דוקא. עס קען דאך זיין אז ער איז א בן יחיד, ער האט ניט קיין שוועסטער, אדער עס קען דאך זיין אז זיין שוועסטער איז אט ערשט געבארן געווארן, זי ליגט נאך אין וויגעלע וכו׳, במילא צינדט זי ניט ליכט, וואס עס איז אבער א הכרח בא א בן חמש למקרא איז - אז ער האט א מוטער, און זיין מוטער צינדט ליכט ע"ש,

ובמילא, בשעה דער בן חמש למקרא לערנט אז דא רעדט זיך וועגן א נס וואס איז פארבונדען בביוחד מיט דער ענין פון "אמו", פארבינדט ער דאס גלייך מיט הדלקת נר שבת. וואס דאס איז א זאך וואס ער זעט בא זיך אליין, אז אן ענין מיוחד בא זיין מוטער איז - וואס זי צינט ליכט בכל ע"ש, וואס דערפאר זאגט רש"י אז א נס וואס וואס איז פארבונדען מיט "אמו" איז - דער ענין פון נר דלוק מע"ש לע"ש.

עס בלייבט דאך אבער נאך אלץ ניט מובן: פון וואנעט ווייס רש"י אז דער נר האט געברענט מע"ש לע"ש? אז ס׳איז געווען א נס אין דעם ענין פון נר שבת איז מוכרח פון דעם וואס עס שטייט "אמו", אבער פון וואנעט נעמט רש"י אז ס׳איז געווען מע"ש לע"ש? אפילו אז ס׳וואלט געברענט (ניט א גאנצע וואך, נאר) א פאר טעג וואלט עס אויך געווען א נס, ואפילו אויב עס וואלט געברענט א גאנצן שבת ביז מוצאי שבת - וואלט עס אויך געווען א נס, איז וואס איז רש"י׳ס הכרח אז ס׳איז געווען דלוק מע"ש לע"ש?

איז אויף דעם זאגט רש"י: כדאיתא בב"ר, אז אזוי שטייט אין ב"ר - מע"ש לע"ש, ד.ה. אז אמה טאקע אז ס׳איז ניטא קיין הכרח ע"ז אין פשוטו של מקרא, בלויז דאס וואס ס׳איז געטראפן א נס אבער ניט ווי לאנג דער ליכט האט געברענט, אבער אזוי שטייט אין ב"ר, אז ס׳איז געווען דלוק מע"ש לע"ש,

וואס דערפאר ברייגנט רש"י אראפ בסיום פירושו כדאיתא בב"ר, ניט דערפאר וואס דער גאנצער ענין איז ניט מוכרח בפשטות הכתובים, ווארום עפי"ז וואלט רש"י געדארפט אנהייבן זיין פירוש דרשו רבותינו וכיו"ב כנ"ל, נאר דער ענין איז טאקע דער פירוש הפשוט של הכתוב, ס׳איז בלויז אז על פרט זה וואס דער נר האט געברענט מע"ש לע"ש איז ניטא קיין הכרח בפשוטו של מקרא, ולכן מסיים רש"י כדאיתא בב"ר, אז אזוי שטייט אין מדרש.

וכאן המקום צו פארענטפערן נאך א שאלה וואס מ׳האט געפרעגט אויף דעם וואס מ׳האט גערעדט אין דעם פריערדיק׳ן פארברייינגען: מ׳האט גערעדט אז די ליכט וואס אבינו האט אברהם אנגעצונדן לאחרי פטירת שרה [ - וואס דאס איז דאך מוכרח צו זאגן אז אברהם אבינו האט אליין געצונדן ליכט לאחרי פטירת שרה, ווארום ער האט דאך מקיים געווען אלע מצות, אויך די מצוה פון הדלקה נר שבת כנ"ל בארוכה - ] האבן ניט געברענט מע"ש לע"ש, נאר דוקא די ליכט וואס שרה אנגעצונדען, ולאחריה - דער נר וואס רבקה האט אנגעצונדען, האבן געברענט מע"ש לע"ש, וכמבואר לעיל בארוכה,

האט מען אויף דעם געפרעגט: פון וואנעט איז די ראי׳ אז די ליכט וואס אברהם אבינו האט אנגעצונדען האבן ניט געברענט מע"ש לע"ש? אין דעם אהל וואו שרה האט אנגעצונדען ליכט, האט טאקע ניט געברענט קיין ליכט מע"ש לע"ש - משמתה פסקה [ ביז עס איז געקומען רבקה וואס רעמולט

- איז -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

הזרה׳ : אבער עס קאן דאך זיין אז אברהם אבינו האט געבענטשט ליכט אין א צווייטן אהל, און דארטן האבן טאקע די ליכט געברענט מע"ש לע"ש?

אזא פשט קען מען אבער ניט זאגן, דלפי"ז, פאסט ניט וואס רש"י זאגט "ומשמחה פסקו", ד.ה. אז אויב מיר וועלן זאגן אז לאחרי שמחה שרה האט מען בכלל ניט געבענטשט ליכט אין יענעם אהל, קען מען ניט זאגן "משמחה פסקו" – ווארום מ׳האט בכלל ניט געצונדן קיין ליכט דארט, במילא פאסט ניט צו זאגן "פסקו"; ס׳איז ניט דערפירוש אז דער נס האט זיך אופ-געהערט, נאר עס האט דארט בכלל ניט געברענט קיין ליכט,

איז פון דעם וואס רש"י זאגט "ומשמחה <u>פסקו</u>", איז מוכרח צו זאגן אז מ׳האט בפירוש יע געצונדן ליכט אין יענעם אהל, אברהם האט ג׳יצונדן אדער יצחק האט געצונדן וכו׳, אבער דער נר האט ניט געברענט מע"ש לע"ש, דער נס איז ניט געווען, וואס דאס איז דער פירוש "פסקו", און דוקא כשבאת <u>רבקה</u> חזרו, האט דער נר ווידער אנגעהויבן צו ברענען מע"ש לע"ש,

און דאס איז דער ביאור בפרש"י על כתוב זה, אז פון דעם וואס דער פסוק זאגט דא "האהלה שרה אמו", כאטש די ווערטער זיינען לכאו׳ איבעריק, איז מוכרח אז דאס האט בע׳פועל׳ט מש"כ לאח"ז – "ויקח את רבקה ותהי לו לאשה", ד.ה. אז ווען יצחק האט געזען די אלע נסים האט ער געוואוסט אז זי איז ראוי׳ ער זאל איר נעמען לו לאשה, וואס דאס זיינען די דריי ענינים: "האהלה" – ענן קשור על האהל, "שרה" – ברכה מצוי׳ בעיסה, "אמו" – נר דלוק מע"ש לע"ש.

און דאס וואס רש"י זאגט די דריי זאכן בסדר כזה דוקא, פריער נר דלוק, דערנאך ברכה מצוי׳ בעיסה, און דערנאך ענן קשור על האהל, כאטש אז דער סדר אין פסוק איז אנדערש, און דער סדר אין מדרש איז אנדערעש,

– און ס׳איז ניט בלויז די שאלה פון דעם וואס רש"י איז משנה פון מדרש, נאר די שאלה איז אויך מצד סדר המאורעות: אויב מיר וועלן זאגן אז די ערשטע זאך איז געווען נר דלוק וכו׳, מוז מען דאך זאגן אז רבקה איז געקומען אין אהל ערב שבת פארנאכט – אין דעם זמן פון הדלקת נרות, קומט דאך אויס אז זי האט ניט געקענט פארנעמען זיך מיט עיסה – שעי"ז זאל זיך זען דער נס פון ברכה מצוי׳ בעיסה – ביז נאך שבת, איז דאך דער ענין פון ענן קשור על האהל געווען פאר דעם; ואפילו דער ענין פון נר דלוק מע"ש לע"ש, האט זיך גענומען כמה שעות ביז דער נס זאל זיך אנזען – לאחרי ווי עס ענדיקט זיך דער זמן וואס די ליכט דארף ברענען עפ"י <u>טבע</u>, במילא האט זיך דער נס פון ענן קשור על האהל זיך אנגעזען קודם לכן (מיד כשנכנסה להאהל),

ואעפ"כ ברייננגט רש"י די דריי ענינים בסדר כזה דוקא – ווארום וויבאלד אז דא רעדט זיך וועגן די גרויסקייט פון רבקה וואס האט זיך אנגעזען ע"י נסים אלו – דאס האט באוויזן אז רבקה איז געווען א צדיק׳ית, איז דער ערשטע זאך וואס דער בן חמש למקרא פרעגט איז – וואו האט זיך געזען איר צדקות און גרויסקייט אין אן ענין פון קיום המצוה? דאס איז די ערשטע זאך אויף וועלכע מ׳דארף קוקן?

דערפאר זאגט עס רש"י אלס דער ערשטער נס: נר דלוק מע"ש לע"ש, אז אין דעם ענין פון הדלקת נר שבת – א מצוה – האט זיך געטראפן א נס, וואס דער נר האט געברענט מע"ש לע"ש,

דערנאך פרעגט דער בן חמש למקרא: וואו האט זיך אנגעזען איר

– גרויסקייט –

גרויסקייט אין די אנדערע פעולה איר׳ע? זאגט עס רש"י אלס דער צוו-ייטער זאך: ברכה מצוי׳ בעיסה, אז בשעה זי האט געמאכט טייג, וואס דאס איז אן ענין של פעולה, האט זיך געטראפן א נס - ברכה מצוי׳ בעיסה,

און ערשט לאח"ז זאגט עס רש"י וועגן דער נס וואס איז געטראפן בנוגע צו דעם אהל, וואס דאס איז אן ענין חיצוני (נים אין א מצוה און אויך נים אין איר׳ע ∴ פעולה) - דער ענין פון ענן קשור על האהל.

דערנאך איז אויך פאראן דער ענין אין יינה של תורה, וכפי שיתבאר לקמן.

דער ביאור אין זהר איז מובן פון דעם וואס ער זאגט פריער אין זהר דארטן: ומהדיא ארץ קדם נפקו לבן ובעור ובלעם בנו, און ווי דער טאטע איז מבאר אז די דריי ענינים פון לבן בעור ובלעם זיינען חב"ד דקליפה,

וואס אין קדושה זיינען דאך פאראן די ג׳ קוין - חב"ת, וואס אין עבודה איז דאס די ג׳ ענינים פון סו"מ, עשה טוב און בקש שלום, וואס סור מרע איז דער ענין פון מל"ת, עשה טוב איז דער ענין פון מצוה עשה, בקש שלום איז דער ענין פון לימוד התורה, וואס תורה איז דער ענין פון קו האמצעי, וואס קו האמצעי איז דער ענין פון שלום, און ״רפאר פועל׳ט לימוד התורה דער ענין פון שלום,

וואס בשעת עס פעלט די עבודה פון אידן בג׳ קוין אלו, איז דעמאלט דא דער ענין פון גלות, און דאס איז וואס ער רעכענט אויס אין דעם פסוק "מי נתן למשסה יעקב וישראל לבוזזים גו׳" די אלע פרטי הענינים - "חטאנו לו ולא אבו בדרכיו הלוך ולא שמעו בתורתו": חטאנו לו - זהו מה שעברו על מל"ת; ולא אבו בדרכיו הלוך - זה מה שלא קיימו מ"ע; ולא שמעו בתורתו - זהו מה שלא למדו תורה; וואס בשעת ס׳איז דא דער פגם אין די אלע ענינים איז דא דער ענין פון "למשסה יעקב וישראל לבוזזים" - ענין הגלות.

און די ג׳ קוין, ווי דאס שטעלט זיך אויס אין מוחין, איז דאס די ג׳ ענינים חב"ד, און דער פגם און דער נפילה אין די ג׳ מוחין איז דער ענין פון חב"ד דקליפה.

וואס דערפאר, בשעה ער איז מבאר אין זהר דעם פסוק "וישלחם גו׳ קדמה אל ארץ קדם", וואס "מהדיא ארץ קדם נפקו לבן ובעור ובל ם בנו" - חב"ד דקליפה, ברייננט ער דוקא דער פסוק פון "מי נתן למשסה יעקב וישראל לבוזזים גו׳", וואדום בפסוק זה רעכענט ער אויס בפרטיות (דער פגם אין) די אלע ג׳ קוין - "חטאנו לו וגו׳" בנ"ל (כל ענין זה אינו ברור).

ובנוגע צו יינה של תורה שבפרש"י, איז דא זעט מען, כמדובר בא-רוכה בהתועדות הקודמות, וואס עס קען אופטאן א דריי יאריקע מייד-עלע וואס בענטשט ליכט מצד מצות חינוך, וואס די הוראה בזה האט מען פון רבקה, וואס זי איז געווען די ערשטע אידיש קינד וואס האט געבענטשט ליכט;

ווען שרה האט געבענטשט ליכט איז זי שוין געווען א גדולה; די ערשטע מאל וואס זי האט געבענטשט ליכט, ויען זי האט זיך מגייר געווען, איז זי שוין דעמולט געווען א גדולה; און עס האט נים

קיין שייכות אהערצו דאס וואס מ׳זאגט "גר שנתגייר כקטן שנולד דמי", ווארום דאס מיינט ניט צו זאגן אז ווען שרה האט זיך מגייר געווען איז זי געווען א קטנה, ואדרבא: וואלט זי געווען א קטנה וואלט זי זיך ניט געקענט מגייר זיין; דער גאנצער ענין פון גירות – על דעת עצמו – איז שייך בא א גדול דוקא, משא"כ א קטן קען זיך ניט מגייר זיין אליין, עס דארף זיין דעת ב"ד, ודעת אביו וכו׳, מיט די אלע פרטים שבזה, אבער אליין קען ער זיך ניט מגייר זיין,

איז פון דעם וואס מ׳זאגט אז שרה האט זיך מגייר געווען, איז דערפון גופא מוכרח אז זי איז געווען א גדולה, און דאס וואס מ׳זאגט "כקטן שנולד דמי" איז א באזונדער ענין וואס האט קיין שייכות ניט לענין זה,

און דער ערשטער קטנה וואס האט געצונדען נרות שבת – מצד מצות חינוך – איז געווען רבקה; און רש"י זאגט דא אן ענין נפלא: וואס איז געטראפן ווען זי האט געצונדען ליכט, אז דער נר האט געברענט, און האט באלויכטן דעם שטוב, מע"ש לע"ש (ביז דעם זמן וואס זי האט געדארפט נאכאמאל אנצינדען ליכט).

און לאחרי וואס בא רבקה איז דאס געווען אזוי, האט דאס געגעבן כח צו אלע אידישע מיידלאך שלאח"ז, במשך כל הדורות, וואס יעדערע פון זיי איז בתו של רבקה, אז ווען זי בענטשט ליכט (א דריי יאריקע מיידעל), באלייכט דאס דער גאנצער שטוב במשך פון דער גאנצע שבת׳דיקן טאג, ווי מ׳האט גערעדט אויך במוצש"ק בראשית, ביז דאס באלייכט אלע טעג פון דעם וואך מיט נר מצוה ותורה אור – מע"ש לע"ש.

און דער ענין פון נר דלוק מע"ש לע"ש – וואס דער גאנצער שטוב ווערט באלויכטן מיט׳ן שבת׳דיקן ליכטל, ווערט דערנאך נמשך דער ענין פון ברכה מצוי׳ בעיסה – אז דאס איז ממשיך ברכת ה׳ בכל עניני הבית, ביז עס ווערט דערנאך דער ענין פון ענן קשור על האהל, און מ׳איז ממשיך השראת השכינה על הבית.

און עס קומט אויך צו דער ענין וואס מ׳האט גערעדט אין דעם פריערדיקן פארברייגנגן – ביינה של תורה – אז די ג׳ ענינים זיינען פארבונדען מיט די ג׳ מצות המיוחדות לנשים, וואס זייער ר"ת איז חנה אדער החן – אז דורך דעם וואס זי הויבט אן בענטשן ליכט ווען זי איז א קליין מיידעלע, בת ג׳ שנים – הדלקת הנר, איז זי דערנאך זוכה – ווען זי ווערט עלטער – צו מקיים זיין די מצוה פון הפרשת חלה, וואס דאס ברייגנגט דער ענין פון ברכה מצוי׳ בעיסה, און דערנאך איז זי זוכה – ווען זי האט חתונה – צו מקיים זיין די מצוה פון נדה, טהרת המשפחה, וואס דאס ברייגנגט דער ענין פון ענן קשור על האהל.

ומכל זה איז מובן דער גודל הזכות וואס מ׳האט ווען מ׳איז משתדל צו זען אז אלע אידישע מיידלאך, פון קינדווייס אן, משהגיעה לחינוך, זאלן צינדן ליכט בכל ע"ש וערב יו"ט,

וע"י קיום מצות נר שבת וועט מען זוכה זיין בקרוב ממש, ווי ער זאגט אין יל"ש ר"פ בהעלותך, צו זען נרות ציון, בגאולה האמיתיה והשלימה ע"י משיח צדקנו.

ו. (חסר השיחה בנוגע ל"יחידות").